בס"ד

# דברי תורה מרבינו ראש הישיבה מגוד שליט"א

## איבער געטייטשט אויף אידיש

### בין המצרים תשפ"ג

יו"ל פר' מטו"מ תשפ"ג



## נתנדב לזכר נשמת
## רבינו הפני מנחם זי"ע

**לתרומות נא לפנות למכון**
**כמו"כ ניתן לפנות אלינו לקבלת הגליונות מדי שבוע במייל**


### "גחלי אש"
לשמיעת שיעורים ושיחות בלה"ק ואידיש
מרבינו **ראש הישיבה מגור** שליט"א
בארה"ב - 7162294771 שלוחה 7 לאידיש
באר"י - 0772277277 שלוחה 7 לאידיש
אנגליה - 03303900476

### "בם חייתני"
לשמיעת שיעורים ושיחות בלה"ק ואידיש
מרבותינו הק' זי"ע ומרבני הקהילה
בארה"ב - 7162294771 שלוחה 8
באר"י - 037680292
אנגליה - 03303900476 שלוחה 8



© כל הזכויות שמורות


יוצא לאור ע"י מכון "קול מנחם"
מכון להפצת שיעורים ודרשות לשמו ולזכרו
של רבינו ה"פני מנחם" זי"ע


kolmenachem12@gmail.com

**חז"ל** זאגען (שמו"ר ב, ב וזוה"ק שמות ה:) אז אויך נאכ'ן חורבן בית המקדש **'לעולם לא זזה שכינה מכותל המערבי'**, מיר טרעפן א וואונדערליכע זאך, אז אין די צייטען פון די ראשונים איז געווען א תקופה - אז ס'איז געווען אזעלעכע וואס זענען געקומען קיין ארץ ישראל, און זיי דערמאנען בכלל נישט אז זיי זענען געווען ביים כותל המערבי [ספר 'כפתור ופרח' לרבי אשתורי הפרחי, און נאך אנדערע וואס זענען געפארען קיין ארץ ישראל אין די תקופת הראשונים], וואס לכאורה די סברא זאגט, אז די ערשטע ארט וואו זיי וואלטען געדארפען גיין איז צום כותל המערבי.

**די** ספרים געבען צו פארשטיין דעם ענין לויט דאס וואס ווערט אראפ געברענגט אין די **קדמונים** (אלה מסעי למהר"ם חגיז פרק ה - ועוד בקודמים לפניו) אז די כותל המערבי געווען צוגעדעקט מיט זאמד און מיסט, ביז ווען דער טערקישע סולטאן האט געבויעט א פאלאץ נעבען דעם מקום המקדש, און ער האט דארט געזעהן וואו אזוי א אלטע פרוי ברענגט אהין א זאק מיט מיסט און זיווארפט דאס אוועק דארט'ן לעבען די פאלאץ, ווען ער האט איהר אויסגעפארשט און געפרעגט וואס זי טוהט, האט זי געענטפערט אז זי האט א קבלה אין איהר משפחה מדור דור - פון די צייטען פון די רומאים, אז מ'דארף אהין ווארפען די מיסט פונקט דארט אויף יענע ארט [כדי צו צודעקען דעם כותל המערבי וואס זיי האבען נישט מצליח געווען חרוב צו מאכען], און דערפאר קומט זי צוגיין פון דערווייטענ'ס כדי אוועק צו ווארפען דארט די מיסט, דער סולטאן האט פארשטאנען אז נישט פאר אומזיסט טוהט זי דאס, און ער האט געוואלט וויסען וואס ליגט דא באהאלטען אויף דעם ארט, האט ער באפוילען אויסצושפרייטען אסאך גאלדענע רענדליך אינעם מיסט, און ער האט ארויס געלאזט א קול אין שטאט אז דער וואס וועט טרעפען אין די מיסט א מטבע איז דאס זיינ'ס,

און אזוי נאך זענען געקומען צו גיין אסאך ארימעלייט און זיי האבען אוועק גערוימט די מיסט זוכענדיג נאך די מטבעות, און אזוי איז אנטפלעקט געווארען דעם כותל המערבי.

**מיר** ווייסען דאך אז אלעס איז באשערט פונעם אייבערשטען, אלעס ווערט געטוהן בהשגחת הבורא ית"ש, און מיר גלייבען אז **'אין אדם נוקף אצבעו מלמטה אלא אם כן מכריזין עליו מלמעלה'** (חולין ז:), און ס'איז נישט פארהאן קיין שום זאך - אפילו די קלענסטע זאך וואס ס'זאל נאר זיין - וואס ווערט געטוהן אהן די השגחה פונעם אייבערשטען, על אחת כמה וכמה אז די בית ה' - דאס ארט וואס פון דארטען איז 'לא זזה שכינה משם', איז אוודאי נישט געווען פארדעקט און באהאלטען נאר צוליב דעם וואס א טמא'נע גוי האט באשטעטיגט דאס צו צודעקען מיט מיסט. און ביים חורבן הבית איז דאך אלעס געמאכט געווארען בדקדוק לפרטי פרטים, און אזוי וואו מיר האבען שוין אמאהל פארטייטשט דאס וואס שטייט אין פסוק (איכה ב, ח) **'חשב ה' להשחית חומת בת ציון נטה קו'**, די שטייגער אין די וועלט איז אז נאר ווען איינער וויל בויען און אויפשטעלען א בנין, דעמאלט צייכענט ער און פלאנירט פאראויס דעם פארם דערפון, ער מאהלט אויס דעם אופן און די צורה פונעם דרויסענ'דיגע און אינערוויייניג'דיגע בנין, אבער ווען מען צוברעכט און מען צולייגט א בנין פיהרט מען זיך נישט אזוי, מ'צייכענט נישט און מען מאכט נישט קיין פינקטליכע פלאן, אבער דאס אלעס איז במעשי בשר ודם, אבער ביים אייבערשטען אויך ווען ער איז משחית **'נטה קו'**, איז דאס מיט א פינקטליכען און אויסגערעכנטע רעכטיגע חשבון, מיט א גט'ליכע פלאן, ס'איז נישט געווען קיין איין שטיין וואס איז אראפ געפאלען פון איהר פלאץ אנעם השגחה פונעם אייבערשטען, אלעס איז געמאכט געווארען מיט א פינקטליכע חשבון וואס זאל חרוב ווערען און וואו אזוי ס'זאל חרוב ווערען. און אויב אזוי קומט אויס אז אויך דאס וואס דער כותל המערבי איז געווען צוגעדעקט, איז אוודאי געווען מיט'ן השגחה פונעם אייבערשטען, איז דארף מען אריין קלערען און פארשטיין וואס איז די

באדייט און אינזיכט אינדעם.

**און** מ'קען דאס ערקלערן לויט וואס **צדיקים זי"ע** האבען געזאגט (ראה אמרי פינחס שער התורה אות קכב, וס' אור עולם המצוין שם בהערה) אויף דעם וואס מען טרעפט אז אין די תקופה פונעם אבן עזרא, האט ער געשריבען כל מיני ערליי זאכען וואס זעהען לכאורה אויס קעגען דברי חז"ל, און דעמאלט האט זיך געמערט חקירות אין אמונת ה', צוליב דעם וואס די דורות הראשונים נאכ'ן חורבן הבית, האבען נאך יונק געווען און געשעפט פונעם אור פונעם בית המקדש, און די שפעטערדיגע דורות זענען יונק און שעפן פונעם אור פון די גאולה העתידה, און אינצווישען איז געווען א תקופה וואס ס'האט זיך שוין אויסגעלאשען די השפעה פון דער אור פונעם בית המקדש, און ס'האט נאכנישט אריין געשיינט אין זיי די אור פון די גאולה העתידה - ווייל ס'איז נאך געווען ווייט פון זיי. און דעריבער איז געווען א שפל און א ירידה אין הכרת אלוקות. און לויט דעם קען מען זאגען, אז דאס וואס דער כותל המערבי איז געווען פארדעקט, איז צוליב דעם ווייל דעמאלט אין יענער צייט איז דאס געווען דער צושטאנד פון די וועלט, אז דעם אור פונעם בית המקדש איז געווען פארדעקט און פארהוילען.

**און** אט טרעפען מיר אינעם הגדה של פסח '**מדרש בחדוש**' [לרבי אליעזר נחמן פואה תלמיד הרמ"ע מפאנו] אז ער פארטייטשט דער פסוק (תהלים קיג, ז) '**מאשפות ירים אביון**', אז דוד המלך ע"ה האט געזעהן ברוח הקודש וואס די פעלקער וועלען טוהן אינעם פלאץ פון די בית המקדש, וואס דארט געפינט זיך די כותל המערבי וואס 'לא זזה שכינה משם לעולם', אז זיי וועלען מאכען פונעם מקום הקדוש א מקום אשפה, האט ער געבעטען דערויף אז דער אייבערשטער **ירים אביון** - מ'זאל אוועק נעמען די זאמד און מיסט און אנטפלעקען דעם כותל המערבי.

**און** מ'קען צולייגען א טיפקייט אין זיינע ווערטער, ווייל אט האט דער **שפת אמת** (פסח תרמ"ו ד"ה שמעתי) געשריבען אז ער האט געהערט פונעם זיידען דער **חידושי הרי"מ זי"ע**, אויפ'ן פסוק 'מאשפות ירים אביון להושיבי עם נדיבים', '**שהקב"ה מקים ומרים הרצונות**

**של בני ישראל המונחין באשפתות, ומהפכן להתנדב רצונם אליו יתברך',** ד. ה. אז דער אייבערשטער הייבט אויף די אידישע רצונות אז זיי זאלען נישט ליגען אין שלעכטע און פוסטע תאוות, און ער הייבט זיי אויף אז זייער גאנצער ווילען זאל נאר זיין א רצון און א תשוקה צו רוחניות (ועי' סוכות תרנ"ב ד"ה מצות).

**און** דער **שפת אמת** לייגט צו מער און ער ערקלערט, חז"ל זאגען (ויק"ר לד, ו) אז א **'אביון'** מיינט אזיין איינער וואס איז **'תאב לכל דבר'**, ער האט גארנישט קיין גשמיות'דיגע באדערפינישען, אזוי אויך א 'אביון' אין 'רוחניות' ווערט אנגערופען דער וואס איז א שפל בדעת און ער איז 'תאב לכל דבר', דאס מיינט אז ער האט א **'רצון'** - ווייל דער מהות פון יעדער אידישע זעהל איז דער 'רצון', אבער ער איז תאב און גלוסט 'לכל דבר' - ער האט א תאוה צו עסען, ער האט א תאוה אויף א דבר עבירה, ער האט א תאוה צו זעהן וואס מ'טאר נישט, און נאך פארשידענע געמיינע תאוות, און מיט דעם דעקט ער צו און פארהוילט דעם אמת'ע רצון פונעם אידישע זעהל אין די מיסט - באשפתות. אבער דער אייבערשטער ברחמיו המרובים 'ירים **אביון**', ער מאכט לעכטיג די אויגען פונעם מענטש ער זאל וויסען דעם אמת, און ממילא איז ער מואס אין די הבלי עולם.

**און** אזוי פארטייטשט דער **שפת אמת** (עי' פסח תרל"ט ד"ה בפסוק מה, ועוד) אינעם נאמען פונעם **חידושי הרי"מ זי"ע** דאס וואס שטייט אין פסוק (שה"ש ז, ב) **'מה יפו פעמיך בנעלים בת נדיב'**, אז ס'גייט ארויף אויפ'ן 'מצות עליה לרגל' אין די ג' רגלים (סוכה מט:), ווייל אין די 'שלש רגלים' האבען די אידען אריין געלייגט זייער גאנצער **רצון** און זייערע **נדיבות לבם** אינעם **ראיית פני ה'**, און ממילא **'בנעלים'** - איז זייער רצון געווען פארמאכט און פארשלאסען פון אלע אנדערע שלעכטע רצונות אן גלוסטונגען, זייערע **נדיבות הלב** איז נישט פארשפרייט געווארען אויף **דברים חיצונים**. דאס איז די רוממות און דערהייבונג וואס דער אייבערשטער געבט פאר די אידישע קינדער.

**'מלכותא דארעא כעין מלכותא דרקיע'**, דאס וואס דער טערקיישע סולטאן

טוהט דא אונטען - כדי אוועק צו נעמען די מיסט און אנטפלעקען דעם כותל המערבי, קומט אונז צו ווייזען אויפ'ן הנהגה פונעם אייבערשטען. דער אייבערשטער האט אויסגעשפרייט אסאך גאלדענע און זילבערנע מטבעות אויף די וועלט - רצונות און כיסופין צו קדושה, און ס'ליגט א אויפגאבע אויפ'ן מענטש דאס צו אנטפלעקען. אזוי וואו ס'שטייט אסאך מאהל אין **שפת אמת** (ראה שפ"א לקוטי ב"ך משלי) אויפ'ן פסוק (משלי ב, ד) **'אם תבקשנה ככסף וכמטמונים תחפשנה'**, אז דער אייבערשטער האט באהאלטען אויף די וועלט **מטמוניות**, און די ארבעט פון יעדער איד איז צו ערוועקען די רצונות וואס ליגט אין איהם און זיכען די כסף וואס ליגט באהאלטען אונטער'ן מיסט פון די וועלט, און נישט חלילה משקיע זיין די רצונות אין די מיסט.

**דאס** איז די באדייט פארוואס דער כותל המערבי איז געווען פארדעקט מיט מיסט, און מען האט דאס אנדעקט דורך זילבענע און גאלדענע מטבעות - אויפצוהייבען די רצונות וואס ליגען אין די אשפות.

**ס'שטייט** (איכה א, ג) **'כל רודפיה השיגוה בין המצרים'**, דער **גרויסער מגיד זי"ע** האט געטייטש כל רודפי י-ה - יעדער איינער וואס לויפט נאך קדושה קען דאס דערגרייכען אין די טעג פון בין המצרים (עי' עבודת ישראל פר' מסעי ואבות פ"ב מי"ד ופ"ד מ"ז), דער וואס וויל און גלוסט אין די חורבן און די שפלות זיך צו דערהייבען און דערנענטערען צום אייבערשטען, קען דאס דעגרגרייכען. אויב מ'וועט אריין לייגען אלע רצונות אין איין רצון - א רצון און תשוקה צום רבונו של עולם, און מ'וועט אפלאזען די רצונות וואס ציעהן צו אשפות, וועט מען קען אנקומען און דערגרייכען אז ס'זאל מקוים ווערען ביי אונז 'בני היכלא דכסיפין למחזי זיו דזעיר אנפין'.